וואָס בלוטיקט שטיל פון בענקשאַפט
אויף די ברוינע און פאַרשוואַרצטע איטאַליענער
אין צעריסענע, בלויע און אין געלע
אַרבעט-קליידער און אין פאַרטיכער,
וואָס שלעפן גרויסע, גרויע, שווערע שטיינער,
בויענדיק פאַר פרעמדע אין דעם פרעמדן לאַנד,
רייכערן די ליולקעס
און — שווייגן.

ירחמיאל לאַזאַרסאָן

## ניט זיכער מיטן לעבן

(בילדער פון דער סאַוט)

1

נאַכט. די נעגערשע גאַס איז איינגעהילט אין פינצטערניש. די איינוואוינער שלאָפן שוין. עס איז רואיק און שטיל. פון צייט צו צייט נאָר הערט זיך אַ הילכיק כראָפּען פון אַ מידן, שלאָפנדיקן נעגער.

ביים עק גאַס, אין אַ קליין שטיבעלע, ליגט לולאַ אויף איר בעט. זי דרייט זיך אויף אַלע זייטן און קאָן ניט איינשלאָפן. זי הערט זיך צו צו יעדן שאָרך. דער מאַן אירער, דזשאַסי, האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אינדערהיים. אַלעמאָל קומט ער פונקט צוועלף אַזייגער ביינאַכט, תיכף נאָך דער אַרבעט. איצט האָט שוין דער וואַנט-זייגער געקלאַפט איינס, און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ. זי ליגט און קלערט. פאַרשידענע מחשבות קומען איר אויפן זינען. זי דערמאָנט זיך אָן די ווערטער, וואָס דזשאַסי האָט איר געזאָגט מיט אַ פּאָר טעג צוריק: „די ווייסע ווילן ניט אַרבעטן מיט מיר צוזאַמען. זיי האָבן מיר געהייסן זיך אָפּטראָגן, אַז ניט וועלן זיי מיך מאַכן פאַר אַ קאַליקע...“

עס שטעלן זיך איר פאַר מורא׳דיקע בילדער. אָט זעט זי איר דזשאַסין אַ צעבלוטיקטן, אַ צעשלאָגענעם, מיט אַן אונטערגעשלאָגן פּנים( פאָנים) און אויפגעלאָפענע אויגן; און אָט דאַכט זיך איר, אַז דזשאַסי איז טויט: זיינע אויגן זיינען צוגעמאַכט, זיין מויל אָפן.

זי הייבט אויף דעם קאָפּ, כאַפּט אַ קוק אויפן אַנטקעגנדיקן בעט, אין וועלכן עס שלאָפן אירע פיר קינדערלאַך, צוויי אינגעלאַך און צוויי מיידעלאַך, און טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן. „וואָס וועל איך טאָן אָן דזשאסין?" — רעדט זי מיט איינגעהאַלטן געוויין. — „ווער וועט געבן עסן מיינע קליינע טייבעלאַך? סעלאַבי איז דאָך נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט... און די קינדער האָבן אַזוי ליב זייער טאַטן... און דזשאַסי איז דאָך אַזאַ גוטער..."

מער האָט שוין לולאַ זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. זי האָט זיך צעוויינט. די קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט, זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט און אויך אָנגעהויבן וויינען.

2

אַ גרויסער הויף אַרומגעצאַמט מיט אַן אייזערנעם פּאַרקאַן. אינעווייניק געביידעס, איינע לעבן די אַנדערע. דאָס זיינען די „קאַטן מילס".

אין איינעם פון אָט־די הייזער אַרבעט דזשאַסי. ער מיט נאָך צוויי נעגערס פאַרבינדן די רויע „קאַטן" מיט שטריק און פירן די פּעק אויף וועגעלאַך אין דער אָפּטיילונג, וואו עס ווערט פאַבריצירט פּאַדים.

אַרבעט דזשאַסי טאָג־איין, טאָג־אויס — עלף שעה אַ טאָג. די אַרבעט איז שווער. ער קלאָגט זיך אָבער ניט. ער טראַכט, אַז שבת, נאָך דער אַרבעט, פאַרן גיין אַהיים, וועט ער זיך אַראָפּכאַפּן אין אַ „צען סענט קראָם" און דאָרטן איינקויפן שפּילעכלאַך פאַר זיין סעלאַבין. דאָס ברענגט אַריין פרייד אין דזשאַסים האַרץ, און די אַרבעט ווערט אים גרינגער.

ער שלעפּט די פּעק „קאַטן" און אין זיין פאַנטאַזיע זעט ער זיין דריי־יאָריקע טאָכטער סעלאַבין, ווי זי נעמט צו ביי אים די צאַצקעס, כאַפּט זיך אַרויף אויף זיינע הענט, נעמט אַרום מיט אירע דיקע הענטלאַך זיין האַלדז און קושט אים מיט אירע פּוכקע ליפּעלאַך...

אַרבעט דזשאַסי מיט נאָך צוויי נעגערס. פּאַקן זיי און פירן די רויע „קאַטן" אין פאַבריק. קאָנען דאָס די „ווייסע" אַרבעטער פון די אַנדערע אָפּטיילונגען ניט פאַרליידן. „סטייטש," טענה'ן זיי, „מיר, די ווייסע, וועלן אַרבעטן אונטער איין דאַך מיט נעגערס... אַזאַ זאַך

האָט נאָך קיינמאָל אין די „קאַטן מילס" ניט פּאַסירט..."

„שוואַרצע טייוואָלים, טראָגט זיך אָפּ מיט גוטן..." — האָבן די ווייסע אַרבעטער גע'עצה'ט די נעגערס, „אַז ניט וועט מען אייך אַרויסטראָגן פון דאַנען..."

האָבן די נעגערס אויסגעהערט די וואָרנונגען, פאַרביסן מיט די ליפּן און געשוויגן. געטראַכט האָבן זיי: „מען וויל אונז נאָר אָנ־שרעקן. פאַרוואָס זאָל מען אונז טאָן שלעכטס? מיר טשעפּען דאָך קיינעם ניט..."

ציען זיך טעג, וואָכן און חדשים. שלעפּן די נעגערס פּעק מיט „קאַטן". כעס'ן זיך די „ווייסע" אַרבעטער, ווילן ניט אַרבעטן צוזאַמען מיט די „שוואַרצע". שווייגן די נעגערס, הערן אויס אַלע זידלערייען און געטפערן גאַרנישט.

„מיר זיינען שוין צוגעוואוינט צו באַליידיקונגען פון ווייסע", טראַכטן די נעגערס. „מסתמא וויל גאָט אַזוי. מען טאָר זיך ניט שטעלן קעגן זיין ווילן..."

3

האַלב נאָך עלף ביינאַכט. דזשאַסי האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט די אַרבעט. ער טוט אָן זיין רעקל און הוט און לאָזט זיך גיין אַהיים.

ביים טויער, וועלנדיק עפענען די טיר פון הויף, האָט ער דער־פילט הענט אויף זיינע פּלייצעס. און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אַרומצוקוקן זיך, איז ער שוין געלעגן אויף דער ערד אַ צע־שלאָגענער. אַ זאַק איז געווען אַריבערגעוואָרפן איבער זיין קאָפּ. קלעפּ האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן...

„מען דאַרף דעם שוואַרצן דער'הרג'ענען... ברעכט אים אויס די הענט, וועט ער מער ניט קאָנען אַרבעטן..." — האָבן געשריען ווילדע, צעיושעטע „ווייסע".

מער האָט דזשאַסי ניט געהערט. אין קאָפּ האָט אים גענומען טומלען. פאַר די אויגן איז אים געוואָרן טונקעלער, טונקעלער. די הענט זיינען געוואָרן שווערער. אַ רויטע פליסיקייט האָט גערונען פון אַלע זיינע אברים, אים אָנגע'שכור'ט און פאַרשלעפּערט...

4

אינדערפרי. די נעגערשע געסלאַך זיינען באַלויכטן מיט זונענ־